י. הירשהויט (ניו־יאָרק)

# נאָך וועגן „טראַדיציע און מאָדערניזם"

מיט זיין אַרבעט א. ג. „די וועגן פון דער יידי־שער ליטעראַטור: אַ דריטע מיינונג" („די צוקונפט", מאַי־יוני, 1978) האָט מיך אברהם שולמאַן ביז אַ געוויסער מאָס אַוועקגעשטעלט אין אַ דעפענסיווער פּאָזיציע. ער האָט דאָרט צוו. אַ. ציטירט מיינע אַ פאָר־מולירונג פון מיין אַריינפיר־רעפעראַט צום סימפּאָזיום פון פען־קלוב (זע: „די צוקונפט", פעבר. 1978). די דאָזיקע פאָרמולירונג לייענט זיך אַזוי: „היינט פונקט ווי אַמאָל האַלט די יידישע ליטעראַטור אָן דעם המשך פון שווערן דורותדיקן געראַנגל פאַרן יידישן קיום..." ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פאָרמולירונג איז דאָ איינ־געהילט אין אַ ליטעראַרישן מעטאַפאָר, וואָס האָט זיך לויט מיין מיינונג געדאַרפט גוט אַריינפּאַסן אין דעם אינהאַלט פון מיין רעפעראַט, וואָס איז געלייענט גע־וואָרן פאַר אַן אוידיטאָריע פון עטלעכע צענדליק שריי־בערס און קולטור־טוערס.

אָבער ס'ווייזט אויס, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות, אַ סימן, אַז אברהם שולמאַן האָט דעם דאָזיקן מעטאַ־פאָר נישט פאַרשטאַנען. אין זיין אַרטיקל זאָגט ער, אַז נאָכן איבערלייענען האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און ער האָט געמוזט ווידער לייענען און פּרוּוון פאַרשטיין, וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן.

וואָס ווייטער איז געשען איז — גלייב איך — דאָס, אַז איצט האָט אברהם שולמאַן געמאַכט אַ טעות. ווארום אַז ער האָט דעם מעטאַפאָר נישט פאַרשטאַנען האָט ער אומבאַדינגט געדאַרפט געפינען דעם ריכטיקן טייטש פונעם מעטאַפאָר, איידער ער האָט זיך גענומען אים צו אינטערפּרעטירן אויף אייגענער האַנט. ער האָט זיך נישט גענומען די מי צו פרעגן דעם מחבר, נאָר ער האָט אויפן אָרט געגעבן דעם מעטאַפאָר אַ ווער־טערלעכע אינטערפּרעטאַציע. איז ביי אים אַרויסגעקו־מען, אַז מיט מיין מעטאַפאָר האָב איך געמיינט צו זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור „פירט אַ געראַנגל פאַרן יידישן קיום". אָט אַזוי פשוט, כאַטש גיב איר, דער יידישער ליטעראַטור, אַ ביקס אין האַנט און שיק זי אַרויס צו האַלטן מלחמה פאַרן יידישן פאָלק.

מיט דער דאָזיקער אינטערפּרעטאַציע האָט שול־מאַן נאָך נישט פאַרענדיקט דעם עסק. אָנווענדנדיק דעם גוט באַקאַנטן דיאַלעקטישן מעטאָד פון דעדוקטיוון טראַכטן האָט ער דערגרייכט עטלעכע ווייטערדיקע אויספירן: אויב י. הירשהויט זאָגט, אַז די יידישע לי־טעראַטור ראַנגלט זיך פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, מיינט דאָס, אַז ער פאָדערט פון יעדן יידישן שרייבער ער זאָל אַרויסגיין זיך ראַנגלען פאַרן יידישן קיום. און וויבאַלד ס'איז אַזוי, איז קלאָר, אַז י. הירשהויט געהערט צו יענעם עולם „ליטעראַרישע וועגווייזערס, וואָס שטייען מיט אַלטפרענקישע נאַפט־לעמפלעך אין די הענט און ווייזן אָן, ווי אַזוי אַ שרייבער דאַרף אויס־פילן זיין נאַציאָנאַלע מיסיע". אויך מיט דעם איז דער ענין נאָך נישט פאַרענדיקט. שולמאַן האָט נישט פאַר־געסן נאָך צוצוגעבן, אַז ס'איז ביי מיר „ערגעץ־וואו פאַראַן אַ שאָטן פון אַן עכאָ" פון... וולאַדימיר איליטש לענין (להבדיל).

האָבן מיר דאָ אַ קלאָר בילד פון דעם ווי ווייט מען קען דערגיין אויב מען גייט אַרויס פון איין פאַל־שער הנחה און אויף וויפל די דאָזיקע הנחה איז נישט קיין ריכטיקע וועלן מיר זיך באַמיען צו ווייזן אין אונ־דזערע ווייטערדיקע אויספירונגען.

*

יעדעס פאָלק האָט זיינע פּראָבלעמען און צרות, נישט מער: איין פאָלק האָט זיי אין אַ גרעסערער צאָל און אַ צווייט פאָלק אין אַ קלענערער. דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט קרוב צוויי טויזנט יאָר פון אַ שווערן גלות און אַפילו היינט, נאָך דעם ווי ס'האָט דערגרייכט אַ פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, איז זיין קיום ווייט נאָך נישט קיין געזיכערטער. נאָרמאַלע פעלקער פאַרמאָגן רייכע מענטשלעכע רעסורסן פאַר אַלערליי שאַפערישע אונטערנעמונגען, וואָס באַרייכערן זייער נאַציאָנאַלן פאַרמעג און באַפעסטיקן אין דער זעלבער צייט די יסודות פון זייער נאַציאָנאַלן קיום. דאָס יידישע פאָלק איז אַ קליין פאָלק מיט באַגרענעצטע מענטשלעכע רע־סורסן, פון וועלכע באַדייטנדיקע טיילן ווערן אין יעדן דור אַוועקגעריסן דורך דער אַסימילאַציע. אין די תפו־צות ווערט דער רוב פון די יידישע מענטשלעכע רע־סורסן אויסגענוצט פאַר דער פּראָדוקציע פון די לענ־דער, אין וועלכע די דאָזיקע יידן לעבן. וואָס־זשע איז טאַקע דער חלק פון די יידישע מענטשלעכע רעסורסן, וואָס איז פאַרבליבן, כדי אויסגענוצט צו ווערן פאַר ריין יידישער פּראָדוקציע, פאַרן באַרייכערן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן מאַטעריעלן און אינטעלעקטועלן פאַרמעג?

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך ביי אַחריותדיקע יידישע מענטשן געמוזט שאַפן אַ ספּעציפיש סענסיטי־ווע באַציאונג צו אָט דער פראַגע פון באַרייכערן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פאַרמעג, וואָס אין איין צייט מיינט עס די באַפעסטיקונג פון די יסודות פון יידישן קיום. דערפאַר טאַקע זאָגן מיר, אַז דער שוחט וואָס באַזאָרגט

---

ברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס קאָן מען זען ביי אים דעם אינערלעכן קאָנפליקט, די ראַנגלענישן צווישן זיינע יידישע סענטימענטן און דעם קאָמפּלעקס — מה יאמרו הגוים. אין זיין לעצטן בוך „די וועלט פון נעכטן" — אַ מין צוואה זיינע, וואו ער שילדערט די טראַ־געדיע פון יענע אַסימילירטע, האַלב־געשמדטע און איינ־גאַנצן געשמדטע יידן, וועלכע זיינען ליקווידירט גע־וואָרן אין די לענדער וועמעס ווייַנגערטנער זיי האָבן באַרייכערט, — איז ער מקנא יענע יידן וועלכע האָבן געגלייבט אין דער תורה און אין גאָט. זיי האָבן געהאַט גלויבן און געליטן פאַר זייער גלויבן.

אָבער דאָס האָט ער אָנגעשריבן שוין דאַן ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן זיין לעצטן חשבון מיטן לעבן. און ווען דאָס בוך איז דערשינען האָט שוין סטע־פאַן צווייג געפונען זיין אייביקע רו אויפן בית עולם אין פּעטראָפּאָליס. קיינער האָט ניט אַזוי בולט אַרויס־געבראַכט דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון אַסימילאַ־ציע ווי ער אַליין, — אַן אַסימילירטער ייד.

אַ יידישע קהילה מיט כשר פלייש גיט זיין צושטייער צום קאַמף פאַרן יידישן קיום. און פונקט אַזאַ צושטייער ברענגט אויך דער בויער פון הייזער אין תל־אביב, אָדער קיבוצניק אין אַ ישראלדיקן קיבוץ, וואָס פאַרזייט און נעמט צונויף דעם שניט פון די פעלדער.

און היינט וואו איז די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז דער סאַמע וויכטיקסטער באַשאַף פון דער יידישער שפּראַך, וואָס איז איר צירונג? אַלע יאָרן שטאָלצירן מיר אויף איר, הלמאַי זי האָט אַזוי געטריי אָפּגעשפּיגלט אין קינסטלערישן בילד דאָס יידישע לעבן און אָט דאָ פּלוצעם, נישט מיר נישט דיר, זאָלן מיר איר אָפּזאָגן איר פאַרדינטן חלק אין אונדזער געראַנגל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום?

פסקנט אברהם שולמאַן מיט דאָגמאַטישער אויטאָריטעט, אַז דער שרייבער „האָט נישט לגבי קיינעם קיין שום חובות; ער האָט בלויז איין חוב: צו זיך אַליין“. בין איך שטאַרק מסופק צי ער איז גערעכט; צי ער איז גערעכט סיי לגבי דער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצקייט און סיי לגבי דעם שרייבער ווי אַ יחיד. נישט געקוקט אויף דעם וואָס שולמאַן וויל עס נישט זען, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז יעדע פאָלקישע ליטעראַטור האָט אין פאַרשידענע עפּאָכעס געהאַט אירע פירנדיקע אידעען. אַ ליטעראַטור אָן אַן אידעע איז ווי אַ כלה אָן אַ חופּה־שלייער, אָדער אַ בילד פון אַ הייליקן אָן דעם אָרעאָל אַרום זיין קאָפּ. אַוודאי איז ביטער אויב אַזאַ פירנדיקע אידעע ווערט אויף שרייבערס אַרויפגעצוואונגען דורך אַ רעגירונגס־מאַכט. אָבער דאָ מיינען מיר נישט דעם דאָזיקן מין פון אידעע. מיר מיינען פירנדיקע אידעען וואָס קומען אויף סטיכיש ביי גרופּעס שרייבערס פון אַ דור, ווערן אָנגענומען דורך אַנדערע און האַלטן אָן אין משך פון לענגערע פּעריאָדן. לויט שולמאַנס פסק דאַרפן שרייבערס אַזעלכע זאַכן נית טאָן. אַזאַ זאַך וואָלט דאָך צעשטערט די „איינזאַמקייט“ פון די שרייבערס און לויט אַ צווייטן פסק זיינעם „טאָר די איינזאַמקייט נישט געשטערט ווערן“.

און אָט דאָ באַקומט זיך אַ קוריאָז: ווער שטעלט זיך אַרויס ווי דער פוסק און דער „וועגווייזער“ וואָס גיט אַרויס אויטאָריטאַטיווע „דירעקטיוון“ דעם שרייבער? איך צי אפשר טאַקע אברהם שולמאַן אַליין, כאָטש ער ווייזט אָן מיטן פינגער אויף מיר, אַז איך בין דער שולדיקער.

בדרך כלל זיינען שרייבערס אַזעלכע באַשעפענישן וואָס פילן אין זייערע הערצער דווקא יאָ התחייבותן לגבי פאַרשידענע אומגערעכטיקייטן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט. וואָלט טאַקע אַזוי געווען, אַז דער שרייבער זאָל פילן בלויז איין חוב: צו זיך אַליין, וואָלט עמיל זאָלאַ קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען מיט זיין „איך באַשולדיק“ און אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין וואָלט נישט אַרויסגעגעבן דעם „גולאַג“. מיין לערער ברונאָ שולץ, וואָס ווערט היינט אין איין ריי מיט פראַנץ קאַפקאַ פאָרטרעטירט ווי דער אָריגינעלסטער מאָדערניסט, האָט אין זיין ליטעראַרישער ירושה אַ באַנד בריוו, וועלכע ער האָט אין די יאָרן פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געשריבן צו פאַרשידענע פריינט זיינע. אין אַ צאָל פון די דאָזיקע בריוו רעדט ער אַ סך וועגן דער געזעלשאַפטלעכע מיסיע, וואָס אַ שרייבער טראָגט אויף זיך אין דער קריטישער שעה פון גרויסער סכנה, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער גאַנצער מענטשהייט. ער מיינט צו זאָגן, אַז אין אַזאַ צייט דאַרף דער שרייבער אַרויסקומען מיט זיין שטאַרקן וואָרט און מיטן כוח פון זיין השפּעה דאַרף ער באַקעמפן די מלחמה־געפאַר.

*

הגם ס׳איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך אויב אַ שרייבער פילט אויף זיך אַ חוב צו דערפילן אַ געוויסע אַלגעמיין־מענטשלעכע אָדער נאַציאָנאַלע שליחות, איז עס אָבער סתם אַן אַבסורד אויב איינער זאָגט, אַז דער יידישער שרייבער איז מחויב צו פאָרטרעטירן זיינע העלדן אויף אַזאַ אופן, אַז זייער גורל זאָל זיך דעקן מיטן גורל פון יידישן פאָלק. נישט דאָס וועט זיין דער ווירדיקער ביישטייער פון דער ליטעראַטור צום געראַנגל פאַרן יידישן קיום, אויב דער שרייבער וועט מיט געקינצלטע מעטאָדן אָנצייכענען אַ נישט־נאַטירלעך בילד פון אַ צוגעטראַכטער ווירקלעכקייט. פונקט ווי די פאַרשידענע שאַפערישע פּראָפּעסיעס, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריער גערעדט, ברענגען זייער חלק צום געראַנגל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, על אחת כמה וכמה שטייען די קינסטלערישע פּראָפּעסיעס אין סאַמע פאָדערגרונט פונעם דאָזיקן געראַנגל.

איז נישט פּיקאַסאָס בילד „גערניקאַ“ אַ שטאַרקער ביישטייער צום געראַנגל פאַרן מענטשלעכן קיום? און ווי קען עס עמעצן איינפאַלן, אַז שלום עליכמס „טוביה“ פאַרמאָגט נישט קיין עלעמענטן פון געראַנגל פאַרן יידישן קיום? בלויז צו דערמאָנען עטלעכע מאָמענטן: דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון די יידן פון אַנאַטעווקע, זייער כסדרדיקער געראַנגל מיט די רוצחים, דער פּאָגראָם, די אויסוואַנדערונג וואָס באַקומט צומאָל די צרה פון גירוש. האָבן אַזעלכע שילדערונגען נישט קיין שייכות צום יידישן געראַנגל? און היינט, וואו איז די מעשה מיט זיין געשמדטער טאָכטער חוה? צו זאָגן אַז „טביה“ האָט נישט קיין שייכות צו דער טעמע פון יידישן קיום איז פונקט אַזוי נישט ריכטיק ווי וועלן דערווייזן, אַז טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום“ האָט נישט קיין שייכות צום קאַמף פאַר דער גרויסרוסישער אימפּעריע.

און די אַלע אונדזערע פיינע דערציילערס, וואָס האָבן געשריבן דערציילונגען וועגן יידישן שטייגער לעבן: יהושע פּערלע, י. מ. ווייסנבערג, שלום אַש און נאָך און נאָך. צווישן אַנדערע דערגרייכונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט פון אונטער זייערע פּענדזלען, זאָל דערמאָנט ווערן די קינסטלערישע אַנטפּלעקונג פון אונדזער יידישער אַנדערשקייט, וועלכע איז איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אויף צו דערהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלן המשך.

אַנדערשקייט איז נישט קיין חטא און מ׳דאַרף זיך פאַר איר נישט דערשרעקן. זי איז אַ דערשיינונג וואָס אונטערשיידט צווישן זיך מענטשן־יחידים און פעלקער. יעדער מענטש איז מיט עפּעס אַנדערש פונעם צווייטן מענטש. יעדעס פאָלק האָט זיינע באַזונדערע שטריכן און עלעמענטן, וועלכע אונטערשיידן אים פון די אַנדערע פעלקער. לענין און סטאַלין האָבן געפאָדערט פון יידן זיי זאָלן פאַרלירן זייער אַנדערשקייט, זיי זאָלן ווערן ככל הגויים, וואָס מיינט, אַז זיי זאָלן זיך פולשטענדיק

אסימילירן. יידן זיינען אָבער צו דעם נישט געווען גרייט.

אונדזערע שרייבערס וואָס האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַנטפּלעקט און קינסטלעריש פאַרפיקסירט אונדזער אַנדערשקייט האָבן געבראַכט אַ וויכטיקן ביישטייער צום געראַנגל פאַר אונדזער קיום.

דער יידישער שרייבער דאַרף, לחלוטין, נישט אויספירן קיין שום „זאַקאָנען". קיינער (מחוץ די קאָמוניסטישע לענדער) האָט אויף אים אַזעלכע „זאַקאָנען" נישט אַרויפגעלייגט. וואָס דער יידישער שרייבער דאַרף יאָ טאָן איז אָט דאָס: ער דאַרף פאָרזעצן זיין שאַפערישע אַרבעט, שרייבן זיינע פּאָעמעס און דערציילונגען מיט טאַלאַנט, מיט געפיל און מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. אָט דאָס זיינען די „זאַקאָנען" וואָס עס לייגט אויף אים אַרויף זיין אייגן געפיל פון שרייבערישער אַחריות. אויב ער וועט זוכה זיין אויף אַן אמת אָפּצוהיטן די דאָזיקע „זאַקאָנען", וועלן זיינע ווערק פאַרמאָגן אַ גרויסן כוח־הדיבור און במילא וועלן זיי אויך זיין אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער געראַנגל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

*

מיר דאַכט זיך, אַז אברהם שולמאַן האָט אין זיין אַרטיקל וועגן דער „דריטער מיינונג" אַרויסגעלאָזט אַן ענין וואָס איז פאַר אונדז גראָד, וואָלט איך געזאָגט, דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער. ער האָט אין ערגעץ נישט אָנגעוויזן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט וואָס פאַראַ זאַכן ער דערוואַרט פונעם יידישן שרייבער, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: וועגן וואָס און ווי אַזוי דאַרף שרייבן דער יידישער פּאָעט אָדער בעלעטריסט, כדי דער געשמאַק פון אַברהם שולמאַן זאָל ווערן באַפרידיקט. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע פראַגע (אין במילא אויך דער ענטפער וואָס שולמאַן וועט געבן) איז אַ טעאָרעטישע און אַ היפּאָטעטישע און איך בין זיכער, אַז קיינער וועט אים צוליב זיין ענטפער נישט כאַפּן ביים וואָרט. אָבער אין תוך זיינען מיר באַרעכטיקט צו וויסן וואָס די דאָזיקע דריטע מיינונג איז.

אמת, שולמאַן שליסט אָפּ זיין אַרבעט מיט דער דערקלערונג, אַז דער שרייבער האָט לגבי קיינעם נישט קיין חוב (ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער איבערגעגעבן), אָבער מיר איז שווער תופס צו זיין, אַז צוליב אַזאַ פינאַל איז כדאַי געווען זיך אַריינצולאָזן אין דער גאַנצער דיסקוסיע. אַזוי ווייט ווי איך געדענק, האָט אין דער יידשיער ליטעראַטור אין דער פרייער וועלט ביז איצט קיינער נישט געפּרואווט אַוועקצושטעלן דעם יידישן שרייבער וועלכע נישט איז פאַרלאַנגען.

יאָ, איך דערמאָן זיך וועגן אַ ווייניק באַדייטנדיקן אינצידענט: יחיאל האָפער האָט אין איינעם אַן עסיי זיינעם געשריבן, אַז ס'איז שוין צייט פאַר יידישע שרייבערס אויפצוהערן צו שרייבן בלויז וועגן דער אָרעמקייט און אַנשטאָט דעם שרייבן וועגן יידישער באַלעבאַטישקייט און עשירות. האָב איך נישט אונטער דער האַנט דעם טעקסט, אָבער איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַן ערך דעמאָלט געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן האָפערס עסייען און איך האָב אים קריטיקירט, הלמאַי ער האָט נישט קיין רעכט צו דיקטירן אַ יידישן שרייבער וועגן וואָס און ווי אַזוי ער דאַרף שרייבן.

אויך היינט צו טאָג שטיי איך פעסט געבונדן מיט דער דאָזיקער מיינונג, אַז קיינער איז נישט באַרעכטיקט צו זאָגן דעם שרייבער אַ דעה וועגן דעם סיוזשעט פון זיין שאַפונג און וועגן די מיטלען, מיט וועלכע ער דאַרף זיך באַנוצן ביים שרייבן. און בפרט וואָלט די טירחה געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע, אויב עמעץ זאָל דעם שרייבער דיקטירן ער זאָל שרייבן רעאַליסטיש אָדער סוררעאַליסטיש, ער זאָל זיך באַנוצן מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע סימבאָלן און זאָל זיינע שילדערונגען אַרויסברענגען אין דער באַפּוצונג פון אַזעלכע אָדער אַנדערע אימאַזשן. ועל כולם וואָלט שוין אינגאַנצן זינלאָז געווען צו פאָדערן פונעם שרייבער ער זאָל זיך באַנוצן מיט יענע שפּראַך־מיטלען וועלכע געפעלן דעם קריטיקער, אָדער ער זאָל מאָלן אַזעלכע בילדער, וועלכע דער קריטיקער האָט אין זיין וויזיע.

אָט די אויסגערעכנטע ליטעראַרישע עלעמענטן ליגן אין די וואָרצלען פונעם שרייבערס איינגעבוירענעם טאַלאַנט און זיי קענען נישט אַרויסגעבראַכט ווערן אויף וועמענס נישט איז פאַרלאַנג אָדער באַשטעלונג. האָט דאָך דער דייטשער שרייבער גינטער גראַס, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געהערט צו די גרינדערס פון דער נאָך־נאַצישער שרייבער־גרופּע „47", געשריבן וועגן דער דאָזיקער גרופּע, אַז אירע מיטגלידער שרייבן אַזוי ווי זיי קענען און אויף אַן אַנדערן אופן וועלן זיי נישט זיין ביכולת צו שרייבן.

אויך די יידישע שרייבערס שרייבן אַזוי ווי זיי קענען. זיי האָבן אונדז מיט זייערע ביז איצט דערשינענע ווערק, חלילה, נישט געבראַכט קיין בזיונות און וועגן דעם זיינען צווישן אונדז נישט פאַראַן קיין חלוקי־דעות. וועלן זיי, די יידישע שרייבערס אויך ווייטער שרייבן אַזוי ווי זיי קענען און זיי וועלן מצליח זיין.

*

ס'איז באמת צום באַדויערן, אַז אַברהם שולמאַן האָט מיין אַריינפיר־רעפעראַט צום סימפּאָזיום באַהאַנדלט איינזייטיק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע פּאַראַגראַפן פון סאַמע אָנהייב און געגעבן זיי אַן אינטערפּרעטאַציע לויט זיין אייגענעם איינזען, איגנאָרירנדיק אינגאַנצן דעם אינהאַלט פון אַלע ווייטערדיקע טיילן פונעם רעפעראַט. און גראָד דאָרט, אין די ווייטערדיקע טיילן פון מיין אַרבעט, געפינען זיך אַ סך אויפקלערונגען און אויספירן, וואָס שטייען אין אַ בפירושדיקער סתירה צו שולמאַנס אינטערפּרעטאַציעס.

איז קודם כל אינגאַנצן גרונטלאָז שולמאַנס השערה אַז איך זאָל האָבן באַלד פון אָנהייב געזאָגט, אַז מאָדערניזם און טראַדיציע זיינען צוויי ציגל צו „איין בנין" און במילא איז אויך נישט ריכטיק, אַז איך זאָל האָבן „אַוועקגעשטעלט דעם ענין אויף אַ צווייטער פלאַך: וואָס פאַראַ ראָל שפּילט טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור". וואָרום דער אמת איז, אַז באַלד נאָך דער קורצער אינטראָדוקציע (וועלכע שולמאַן האָט אָנגענומען פאַר מיין גאַנצן רעפעראַט) האָב איך געגעבן אַ היסטאָרישן קווערשניט פון די מאָדערניסטישע באַוועגונגען אין דער יידישער ליטעראַטור און פונעם דאָזיקן קווערשניט זיינען אַרויסגעדרונגען אַ ריי אויספירן, צווישן זיי דער אויספיר, אַז טראַדיציע און מאָ־

יאַנקל יאַקיר (נתניה) *

# אַ בעסאַראַבער געשיכטע

אַ קליינשטעטלדיקער פערד־סוחר, אָדער ווי מען פלעגט נאָך זאָגן אויף דער בעסאַראַביע — אַ ליוועראַנט, צי אַ דזשאָמביש, האָט געזאָלט פאַרקויפן זיינע צוויי שקאַפּעס. צוליב דעם האָט ער זיך געמוזט מטריח זיין אין נאָענטן דאָרף, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער קאַראַשיקער סוסים־יאַריד.

אָבער ווי ס'איז באַוואוסט, פון קדמונים, איז אין אַזעלכענע האַרמידערדיקע מערק, שוויבלט עס און גריבלט אוןווימלט ממש מיט גנבים, זשוליקעס און כלעררליי מאַרעוויכערס. אַז מ'זאָגט אַן ערדטרעטעניש — איז קליפּ און קלאָר. פאָרט ער נישט אַליין, מיין פירנעמיקער איציק־בער, נאָר ער פאַרכאַפּט מיט זיך עפּעס אַ צוגעשלאָגענעם שומר, אַ פּראָסטאַק, המכונה — וועוואָלע.

פאַרוואָס האַלט מען אים, דעם וועוואָלען, הייסט עס, פאַר אַזאַ באַכיפּעשטן [1] — וועט איר פרעגן?

איז גיי, ווי אַזוי זאָל מען אים ניט האָבן געקריינדלט אַזוי, אַז ס'פּאַלט אים איין צו באַהופּטען [2]:

— אַז די קאַיאָריקע ראָסע, [3] דאָס איז גאָר דער שוויס פון די סאָלאָווייען וועלכע האָבן זיך איבערגעמידט פון ביינאַכט אַזויפיל זינגען.

... קורץ לאָזן זיך ביידע פאַרשוינען אין וועג אַריין.

איז מען פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, נישט גלאַט כדי זיך אונטערצולענען דאָס האַרץ, אָדער כאַפּן אַ דרימל, נאָר — כדי צו באַהיטן די אַזוינס ווי אַזעלכדיקע פערד. טאָמער הערט מען עפּעס אַ פאַרדעכטיקן הירזשע, זאָל מען שוין יאָגן אין שטאַל אַריין. און ווער ווייסן!? אָדער זיי די כאַפּלאַפּניקעס: חלילה אים, איציק־בערן, מיט דעם אויסגעשפּילטן וועוואָלען, זיינעם אָדער — אַמוואַרשיינלעכסטן — זיי ביידע וועלן צעפּאַרפּלען די לאָטכעניקעס.

— איז, וועוואָלע, דו שטיי און קוק, זון, מיט אויגן, און איך, זאָגט מיין סוחר דער חכמעץ — וועל מיר גיין אַ ביסל צולייגן... אַ זשמעניע פּעדערן צום קאָפּ.

אָבער, ווי נאָר ער האָט, איציק־בער, קוים צוגעמאַכט אַן אויג, האָט ער דערפילט אַז דאָס קישן דרייט זיך אים, טאַקע נאָר ווי אַ ווינטמיל אונטערן קאָפּ. דהיינו: עס האָט זיך אים געחלומט אַז אַלע פינףפינגערדיקע פון דער גובערניע, האָבן אָנגעיאָגט אויף אים, ציט ער אַרוף די פּיסלעס אויף די פּיס און שלעפּט זיך, אין אָט דער קרירהדיקער נאַכט, זען צי זיין וועוואָלע כערעט [4] נישט אונטער צוביסלעך.

— וואָס טוסטו, וועוואָלע, שלאָפסט, נשמה מיינע?

— ניין. איך גענעץ נאָר.

— וואָס טוסטו נאָך?

— כ'טראַכט אַ טראַכטעכץ.

— גוט. איז צו וואָסזשע אַ שטייגער טראַכטסטו? ווייל פון אַ סך טראַכטן ווערט מען אַלט. און ס'ווערט קעלטער פון קאַלט.

— כ'טראַכט: — ס'איז פינצטער, צינדסטו אָן אַ ליכטל, ווערט לעכטיק, פאַרלעשסט עס נאָר, איז שוין ווייטער חושך. פרעגט זיך: — איז וואו זשע אַהינגעקומען די שיין? איז טראַכט איך ווייטער, ביז אין ווייסן טאָג אַריין, וועל איך מיך צו עפּעס דערטראַכטן. האַ, באַלעבאָס?

... אַ ביסעלע שפּעטער, נאָך דער ערשטער אַשמורה:

— וואָס מאַכסטו ברע [5] וועוואָלע? דו שנאָרכעסט, האַ?

— ניין, האַרעב איציק־בער לעבן, כ'טראַכט נאָך אַלץ.

---

[1]. באַכיפּעשטן (לאָקאַליזם) — אַ שטיקל צעדרייטער.

[2]. באַהופּטען — באַהויפּטן, זאָגן.

[3]. ראָסע — לאָקאַליזם פון רוסיש — טוי.

[4]. כערעט — דרימלט.

[5]. ברע — מאָלדאַוואַניזם — היי, דו.

---

* יאַנקל יאַקיר איז דער געווינער פון דער יעקב פּיכמאַן ליטעראַטור־פּרעמיע פאַרן יאָר תשל"ח.

---

דערניזם האָבן צוזאַמען געבויט דעם בנין פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַזוי ווי דער דאָזיקער אויספיר איז אין מיין רעפעראַט געקומען ערשט ביים סאַמע סוף, איז פאַר מיר אינגאַנצן אַ רעטעניש ווי אַזוי אַברהם שולמאַן האָט מיך געקאָנט חושד זיין, אַז איך האָב „באַלד פון אָנהייב" צוליבן דאָזיקן אויספיר „אַוועקגעשטעלט דעם ענין אויף אַ צווייטער פלאַך".

הגם איך האַלט, אַז טראַדיציע (וועלכע איז לויט מיין באַגריף דער זינט דורות אָנגענומענער און איינגעפונדעוועטער אופן פון שרייבן) איז אַ ביז גאָר וויכטיקער עלעמענט פון דער יידישער ליטעראַטור, בין איך אָבער אין דער זעלבער צייט גרייט מיט אמתדיקער פרייד צו באַגריסן אַן אויפקום פון אַ מאָדערניסטישן אַוואַנגאַרד אין אונדזערע רייען. איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט ביים סוף פון מיין אַריינפיר־רעפעראַט. איך האָב דאָרט אונטערגעשטראָכן, אַז די נייע אידעען וואָלטן אַריינגעגאָסן פריש בלוט אין די אָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור און זיי וואָלטן סטימולירט אַן אויפלעב פון איר גאַנצן סיסטעם. צום באַדויערן האָט אַברהם שולמאַן דעם דאָזיקן לעצטן אויספיר מיינעם אויך נישט באַמערקט.

---

די אויבן געבראַכטע פּאָלעמיק, וועלכע ווערט געפירט אין אַן אַטמאָספער פון פריינטלעכער חברישקייט, דאַרף, לויט אונדזער וואונטש, עפענען אַ ברייטערע דיסקוסיע וועגן פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור. שרייבערס, וואָס וואָלטן געוואָלט זיך באַטייליקן, ווערן געבעטן אַריינצושיקן זייערע אַרבעטן.

שאול מאַלץ (ניו־יאָרק)

# לידער וועגן טעג פון חורבן

## א. אויסזידלען

וואָלקנס באַלאָדן מיט טרויער,
ווינטן די קערנער פון פּיין צעטראָגן,
רוצחים זענען אין שטעטל געקומען
די יידן אויסזידלען, פאַריאָגן.

ווי שפּאַרבערס זענען זיי געקומען
רויבן דאָס גאָלד פון די טעג.
מיטגענומען האָט מען אַ קלומעקל חלומות —
צידה לדרך אויפן לאַנגען וואַנדער־וועג.

און אין געדאַנק האָט מען געטראָגן
דעם אָנדענק פון טאַטן און מאַמען,
און דעם לעצטן אָנבליק פון אַ היים,
וואָס פאַרלענדט האָבן פלאַמען.

## ב. אין בונקער

דער בונקער איז טיף און פאַרהוילן,
אַ ברעקל ליכט אין אַ ווינקל ברענט,
זיצן שטומע שאָטנס אָנגעלענט
אין די פייכטע, קאַלטע ווענט.

שטיל, נאָר די שטילקייט הילכט
מיט דעם רוצחס לעצטע געשרייען.
אין געדאַנק בליצן־אויף פילם־בילדער: —
אונטערן קנוט די לעצטע יידן פאַרגייען.

און דאָ, אויף אָנבייסן, אַ קרישקע ברויט
און אַזוי אַרום פון לעבן אויסבאָרגן
אַ פּאָר שעה, צי אפשר אַ טאָג
פאַר דעם אויסגעחלומטן מאָרגן.

און ווייטער אַזוי זיצן מיט אויגן פאַרמאַכטע
און בליץ־בילדער אַלץ שוועבן,
ווי אויף אַן עקראַן, און דערמאָנען יעדן,
אַז ווי גאָרץ ביטער איז דאָס לעבן.

## ג. מיטן נומער אויף דער האַנט

וואוהין האָט געצויגן דער וועג,
וואו די רוצחים האָבן געטריבן ?
אין זכרון איז דער ברי
פון זייער קנוט פאַרבליבן.

אַזוי די פרענגעס אויפן לייב,
אַזוי דער צער אין די אויגן.
שטאָלץ האָט מען געשפּאַנט אין ריי,
נאָר פאַרן תליון זיך ניט געבויגן.

אין האַרצן איז געבליבן דער חלום,
וואָס מ׳האָט דורך פּיין אויסגעטראָגן,
מיטן פרילינג איז דער שונא געקומען
די בשורות פון טויט אָנזאָגן.

די הנאה פון שבת און יום־טוב
און די משפּחהדיקע פרייד
האָט אויפן לאַנגען וואַנדער
די אייטערדיקע טריט באַגלייט.

אַזוי געטריבן אין געשטרייפטע קליידער,
מיט בראַנד־צייכן אויף דער האַנט,
וואָס האָט אים פאַרמשפּט צו זיין
אַ „די פּי״ אין יעדן לאַנד.

און כאָטש יענע פאַרצאָגטע טעג
האָט ער שוין לאַנג אָפּגעגעבן,
האָבן נאָך אַלץ די זכרונות פון רשעות
באַגלייט די טריט צום לעבן.

אַזוי וואַנדערט ער שוין יאָרן
מיטן בינטל זכרונות ביינאַנד,
געפירט צו פריי האָט אים דער חלום
און דער נומער אויף דער האַנט.

---

— וויי מיר! וואָס קלערסטו אַזויפיל? קענסט נאָך, חלילה, ווערן אַ שטיקל פילאָזאָף, איז יאָ, ליוּ־בעניו, וואָס זשע עקבערט דעם קלוגן קאָפּ דיינעם?

— באַלעבעסעניו! נעמסט אַ צוואָק, קלאָפּסט אים אַריין אין אַ ברעט. שלעפּסט אים אַרויס, בלייבט אַ לאָך. איז דערליעוועט מעיך: וואו זשע איז אַהינגע־קומען דאָס האָלץ?

— פּיין ווי די וועלט, וועוואָלע! טראַכט ווייטער — שפּילפויגל מיינער.

...כאור הבוקר, יאָגט שוין איציק־בער מיט דער נשמה אויף דער שפּיץ נאָז: „גאָטעניו, עס זאָל זיך כאָטש גאָרנישט געווען טרעפן, וועל איך נעמען די פערדאַלעך מיינע און אַריינפאָרן מיט פאַראַד אויפן מאַרק.״

— וועוואָלע, כיעס מיינס! עס האָט זיך כאָטש צוגעטאָן אַ דרימטשיקל צו דיינע אויגן?

— נע! עס האָט מעיך נישט גענעמען.

— האָסט כאָטש דיר אונטערגעלייגט דיין האַרץ?

— ניין, האַרעב איציק־בער, געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט, ווי אַן אָנגעדונגענער.

— איז צו וואָסזשע האָסטו זיך פאָרט דערטראַכט?

— כ׳לעבן אַ נאַרישקייט. איך ר׳ איציק־בער היט דאָ. איר — היט מיך, און צווישן יאָ און ניין, ווייס עיך נישט, אַוואו די פערד זענען אַהינגעקומען.

***

אין יענער ליל־שימורים זענען די מחיהדיקע רייד גלייך אַרויף צום כסא־הכבוד. און דער ריבונו של עולם האָט אויכעט געשעפּט נחת וואָס עס זענען נאָך פאַראַן אַזוינע קלוגע יידן אויף זיין וועלט.

---